**גוט שבת אלע אידן.** די מענטשן וואס האבן געקענט דעם בחור "יָרוֹן" האבן געוואוסט אז ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין אינטערעס אין אידישקייט. ער איז געווען א שטאלצער בחור וואס האט געדינט אין דעם ארץ ישראלדיגן ארמיי. ער האט געטראכט אז דורך דעם וואס ער האט געדינט אין דעם מיליטער, האט ער געטון זיין חלק פאר אידישקייט, און ער האט קיינמאל נישט געטראכט אז עס פעלט אויס צו זיין פרום, רח"ל. ער האט גארנישט געוואלט האבן קיין שייכות מיט רעליגיע. זיין מאמע, וואס איז געקומען פון פוילען קיין ארץ ישראל נאך די מלחמה, האט ליב געהאט צו דערציילן מעשיות פון דער אלטען היים. ירון האט גראדע הנאה געהאט צו הערן די מעשיות, כאטש אפילו ער איז נישט אינטערעסירט געווען אין אידישקייט למעשה. ירון האט געוואוסט אז זיין זיידע האט געהייסן "משה יוסף לאנגסבוים" און ער איז געווען אן ערליכער איד א פשוטער שניידער, אבער עס האט נאכאלץ נישט משפיע געווען אויף אים צו וועלן ווערן פרום. ביז איין טאג ווען אלעס האט זיך געטוישט נאך גאר אן אינטערסאנטע השתלשלות...

איין טאג האט ירון געזען אן אדווערטייזמענט פאר א טיול קיין עטליכע שטעט אין יוראפ. ער האט פאר אזוי לאנג געהערט מעשיות פון זיין מאמע'ן וועגן דעם אלטען היים, אז ער האט געוואלט סוף כל סוף באזוכן פוילען. ער האט געוואלט מאכן זיכער אז דער טיול האט נישט געהאט קיין שייכות מיט אידישקייט, (ווייל, אזוי ווי מען האט אזוי קלאר געמאכט), ער איז דעמאלט נישט געווען אינטערעסירט אין תורה און מצות, רח"ל. דער "טראוועל אייגענט" האט ירון צוגעזאגט אז די גרופע האט גארנישט געהאט צו טון מיט פרומקייט. וועגן דעם האט ירון מסכים געווען צו פארן אויף דעם טריפ.

די נסיעה איז געגאנגען גאנץ פיין. זיי האבן געזען אסאך אידישע שטעט וואס האבן געהאט גרויסע קהילות פאר די מלחמה. זיי זענען אויך געגאנגען צו די לאגערן, וכו'. איין טאג זענען זיי געגאנגען צום שטאט לובלין. די שטאט איז געווען אנדערש פאר ירון. ער האט געשפירט א באזונדערע געפיל אין דעם שטעטל, אבער ער האט נישט געוואוסט פארוואס עס איז געווען אזוי, ווייל ער האט קיינמאל נישט אפילו געהערט פון לובלין.

ער איז ארומגעגאנגען אליינס, אפגעטיילט פון דער גרופע, ער האט געוואלט זיך מתבונן זיין אביסל אויף די זכרונות פון זיינע זיידעס לויט זיין מאמעס מעשיות וכו'. א געוויסע בנין האט געשלעפט זיין אינטערעס. ער איז אריינגעגאנגען אין דעם אלטען בנין אין דעם אידישען קווארטאל. פלוצלינג האט ער באמערקט אז יענע בנין איז א שול. זיין ערשטע רעאקסיע איז געווען אז ער האט געוואלט ארויסגיין, ווייל ער האט נעבאך נישט געפילט באקוועם אין א שול, ווייל ער איז נישט אויפגעוואקסן מיט אידישקייט, רח"ל. אבער, עפעס האט געשלעפט זיין נשמה, און ער איז געבליבן דארט אין דעם שול אפאר מינוט.

ער האט ארומגעקוקט אין דעם אלטען שטיבל און ער האט זיך געוואונדערט ווי אזוי אזא שול איז געבליבן נאכן שרעקליכען חורבן. ער האט געשפירט אזוי ווי ער איז געווען דער ערשטער איד אין דעם שול נאך עטליכע זעכציג יאר. ער האט געטראפן טרעפ וואס גייען ארויף צו דעם צווייטן שטאק פונעם שטיבל, און מיט גרויס נייגעריגקייט איז ער ארויפגעגאנגען. (לכאורה איז דאס געווען דאס עזרת נשים) ער האט געזען אן אלטע קארב אין דעם עק פונעם שטוב. ער האט געדארפט קריכן איבער אלע בענק כדי צו צוקומען צום קארב. ווען ער האט דערגרייכט צו דעם קארב איז ער איבערראשט געווארן צו זען אז עס איז געווען פיל מיט ספרים.

דאס ערשטע ספר וואס ער האט אויפגעהויבן איז געווען אן אלטע גמרא, דאס צווייטע ספר איז געווען א שולחן ערוך. בשעת ער האט דורכגעקוקט די ספרים, האט ער געטראפן א קליינעם ספר מיט אלטע געלע זייטן. עס איז געווען א סידור. ער האט זיך פארגעשטעלט ווי א איד האט גדאווענט פון דעם סידור יארן צוריק. וואס איז געווארן מיט דעם איד? ווער איז ער געווען? ער איז פארלוירן געווארן בערך פינף מינוט אריינקוקן אין דעם סידור. ער האט אויפגעמישט צו "נטילת לולב." ער האט געטראפן א מוראדיגען זאך אין דעם סידור. עס איז געווען הדס בלעטל! דאס בלעטל איז געווען אזוי פריש ווי עס איז נאר יעצט ארויסגענומען געווארן פונעם צוויג. עס האט געדארפט זיין כמעט זיבעציג יאר אלט און עס איז נאך געווען גרין!

ירון איז איבערגענומען געווארן מיט התרגשות. אלע זיינע מאמע'ס מעשיות זענען צוריקגעקומען צו אים אלעס אויף אמאל. ער האט פארשטאנען דעם מוסר השכל אין דעם בלעטל: "דו ביזט אראפ געפאלן פונעם צוויג, אבער דו קענסט נאך לעבן! ווי לאנג דו וועסט ליגן אין א סידור, וועסטו לעבן!"

אין די רגע האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל טוישן זיין לעבן און ווערן פרום. ער האט אנגעהויבן צו וויינען און די טרערן זענען אראפגערינען אויף זיין באקען. האט ער געקושט דעם סידור און ער האט עס אראפגעלייגט צוריק אין דעם קערבעל. פאר ער איז ארויסגעגאנגען, האט געעפענט דעם סידור נאכאמאל צום ערשטן בלאט צו זען אויב עס איז געשטאנען דארט א נאמען פון עמיצן. וואס ער האט געזען דארט אין דעם סידור איז געווען אזוי ווי א בליץ פון הימעל... יעצט האט ער געוואוסט אז ער מוז ווערן פרום.

פאר מיר גייען ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון עניינים פון פרשה. חז"ל זאגן "הבא לטהר מסייעין לו" (שבת קד.) דאס מיינט צו זאגן אז אויב איינער וויל זיך פארבעסערן, באקומט ער א סייעתא דשמיא – הילף פון אויבן צו קענען ווייטער ווערן בעסער. די פרשה רעדט פון די בחינה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני וגו'." – און איר זאלט זיך מאכן הייליג, און דעמאלט וועט איר ווערן ממש הייליג, ווייל "איך בין הייליג" – זאגט דער אייבערשטער. (ויקרא יא,מד)

לאמיר יעצט ענדיגען דעם מוראדיגען מעשה... ירון האט געעפענט דעם סידור און געזען א מוראדיגן זאך, עס איז געשטאנען: "משה יוסף לאנגסבוים" עס איז געווען זיין זיידע'ס סידור!

יעצט אז מען ציילט ספירה, איז עס א באזונדערע צייט זיך צו פארבעסערן. דאס איז מרומז אין דעם ווארט ספירה, וואס האט אין זיך "ספיר" דעם טייערען שטיין. עס קומט אויס אז ספירה איז א צייט צו פיצן דעם מדות ביז זיי גייען שיינען אזוי ווי א "ספיר" שטיין. **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ ר' חיים בן ר' אשר (וואלפבערג) ע"ה

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**

**"והייתם נקיים"** געדריקט נאך פסח תשס"ו